**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/21/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול שרייבט אונטער געזעץ צו פארגרעסערן צוטריט צו PrEP און PEP מעדיצין וואס העלפט פארמיידן HIV

***געזעץ S.688/A.807 פארלאנגט אינשורענס פירמעס צו דעקן פרי-עקספאוזער פראפילעקסיס (PrEP) און פאוסט-עקספאוזער פראפילעקסיס (PEP) צו העלפן ענדיגן די HIV עפידעמיע אין ניו יארק***

גאווערנער האקול האט היינט אונטערגעשריבן געזעץ (S.688/A.807) פארלאנגענדיג אינשורענס פירמעס צו דעקן פרי-עקספאוזער פראפילעקסיס (PrEP) און פאוסט-עקספאוזער פראפילעקסיס (PEP) צו העלפן פארמיידן קעגן HIV אנצינדונג.

"ניו יארק איז אמאל געווען די עפיצענטער פון די HIV/AIDS עפדעמיע, און מיר האבן א מאראלישע פליכט ווייטער צו קריגן צו די ענדע פון די עפידעמיע איינמאל פאר אלעמאל," **Governor Hochul said.** "PrEP and PEP זענען קריטישע געצייגן צו העלפן פארמיידן HIV אנצינדונגען און יעדע בארעכטיגטע ניו יארקער זאל האבן צוטריט צו די וויכטיגע מעדיצינען."

**געזעץ S.688/A.807** פארלאנגט אז סיי וולכע אינשורענס פירמע וואס שטעלט צו דעקונק פאר פרעסקריפשען דראגס רעכנט אריין דעקונג פאר די קאסטן פון PrEP און PEP — צוויי וויכטיגע געצייגן צו פארמיידן די פארשפרייטונג פון HIV. לויט די צענטערן פאר קראנקהייט קאנטראל און פארמיידונג, איז PrEP געוויזן געווארן צו פארמינערן די ריזיקע HIV אנצינדונג ביי מענטשן מיט א הויכע ריזיקע פון באקומען HIV מיט ביז 92 פראצענט, ווען גענומען נאכאנאנד. ניו יארק סטעיט האט ווייטער די העכסטע PrEP דעקונג אין די לאנד, און האט מער מענטשן עס באקומען ווי כמעט סיי וועלכע אנדערע יוריסדיקציע. PEP רעגימענס זענען אנטירעטראווייראל דראגס גענומען אפצושטעלן די פארשפרייטונג פון HIV נאך אן איינצעלנע הויכע-ריזיקע פאסירונג. PEP קען ווערן גענוצט צו באהאנדלען העלט קעיר ארבעטערס וואס זענען געווען אויסגעשטעלט צו די בלוט אדער קערפערליכע פליסיגקייטן פון HIV-פאזיטיווע פאציענטן, ווי אויך מענטשן וואס זענען געווארן אויסגעשטעלט צו HIV דורך נישט באשיצטע סעקס, נאדל טיילונג, אדער געשלעכטליכע געוואלדטאטן. די נייע געזעץ וועט העלפן פארזיכערן אז מער ניו יארקער קענען האבן צוטריט צו די לעבנס-ראטעווענדיגע געצייגן, וועלכע זענען א וויכטיגע טייל צו קריגן צו די ענדע פון די HIV עפידעמיע אין ניו יארק.

**סטעיט סענאטערברעד הוילמאן האט געזאגט,** "ניו יארק האט געמאכט באדייטענדע פארשריט אין די קריג קעגן HIV/AIDS זייטן זיך פארפליכטן צו ענדיגן די עפידעמיע אין 2014, אבער די ראטע פון נייע אנצינדונגען איז נאך אלץ געשטיגן צווישן 2020 און 2021 מיט איבער 2,100 פעלער לעצטע יאר. פארברייטערן צוטריט צו PrEP און PEP, וועלכע פארמיידן נייע אנצינדונגען, וועט העלפן אפשטעלן די פארשפרייטונג. מיטן אונטערשרייבן די געזעץ, באנייט ניו יארק איר פארפליכטונג צו פובליק געזונטהייט, ספעציעל אין די LGBTQ קאמיוניטי. א דאנק צו אסעמבלי מידגליד א'דאנעל פארן צושטופן דעם געזעץ

אין די אסעמבלי, מעדזשאריטי פירער אנדרעא סטוערט-קאזינס פארן עס ברענגען צו די סענאט, און גאווערנער האקול פארן עס אונטערשרייבן צו געזעץ."

**אסעמבלימידגליד דאני א'דאנעל האט געזאגט,** "אן אונס פון פארמיידונג איז ווערד א פונט פון היילונג. און צוטריט צו פארמיידנדע מעדעצין איז וויכטיג אין אונזער קריג קעגן HIV. די עפידעמיע איז נאכנישט פאריבער. אבער PEP און PrEP זענען איפגעוויזן צו פארמיידן די אריבערפירונג פון HIV, און קיינער זאל נישט ווערן אפגעזאגט צוטריט צו די רעוואלוציאנערישע מעדעצינען צוליב קאסטן אדער מאנגל פון אינשורענס דעקונג. דאס איז א געזעץ וואס העלפט LGBTQ מענטשן, קאמיוניטיס פון קאליר, און סיי ווער ביי א העכערע ריזיקע פון HIV אויסגעשטעלטקייט דורך פארזיכערן אז א מאנגל פון אינשורענס דעקונג וועט קיינמאל נישט זיין די אפהאלט צו האבן צוטריט צו PEP אדער PrEP. א דאנק צו מיינע קאלעגן, גאווערנער האקול, סענאטער האלימאן, און די אדוואקאטן וואס האבן געארבעט צו אדורכפירן דעם וויכטיגע געזעץ."

**דעפארטמענט אוו העלט קאמישענער דאקטער מערי T. באסעט האט געזאגט,** "PrEP און PEP מעדעצינען זענען וויכטיגע רעסאורסעס וואס זענען איפגעוויזן צו זיין שטארק אפעקטיוו אין פארמיידן און אראפהאלטן די פארשפרייטונג פון HIV. די מעדעצינען מוזן זיין אוועילעבל, צוטריטבאר, און איבער אלעס, אפארדעבל צו אלע ניו יארקער. איך לויב גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן די וויכטיגע געזעץ און ברענגען ניו יארקער נאך א שריט נענטער צו ענדיגן די עפידעמיע."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418